# די לבנה אין פענצטער

מיין אויג
הענגט אין דרויסן ביי דער לבנה.
דער אָפּגלאַנץ פון זילבערנע ביימער
לייגט זיך אין די טונקעלע ווינקלען
פון מיין יונג האַרץ.
כ'שטיי אויף פון געלעגער: —
שיין איז די נאַכט,
שיין ווי אַ כלה,
וואָס האָט ליב דעם חתן;
וואָס האָט יאָרן־לאַנג
געוויינט און געוואַרט
און גייט צו דער חופה
מיט ליכטיקע אויגן...
שטיל איז די נאַכט,
שטיל, ווי אַ מאַמע,
וואָס זיצט ביי דעם וויגל
און שמייכלט צום קינד
(עס הייבט שוין אָן שלאָפן)
און טרוימט נאָך דעם לידל,
וואָס זי האָט נישט דערזונגען...

עס גלוסט זיך מיר געבן
אַ פראַל־אויף דאָס פענצטער:
„ווער עס האָט
ביי טאָג געוויינט,
ווער עס רייסט

די האָר פון קאָפּ
און פרעגט זיך יעדע
האָר באַזונדער:
וואָס איז מיט מיר?
וואָס איז מיט מיר?
ווער עס איז אומגליקלעך
היינטיקע נאַכט, —
זאָל טריקענען זיין טרער
ביי דעם פונק פון מיין האַרץ
און מיט ייִנגערע אויגן
דערזען, ווי די שאָטנס
ביי אונדזערע טריט
צעגייען אין זילבער,
און זאָלן מיר אינאיינעם
אַוועקלייכטן ווייט,
וואו עס קומען־צונויף
די צעשוואומענע טעג,
און בעטן בציבור
פאַר אַ נייעם באַגינען"...